בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**פַּרְשַׁת נֹחַ**

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פַּארְלִירְן וָואג גְרִינְגֶעְרְהֵייט? ..........................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אֲוֶועקְגֶעוָוארְפְן מָאוִוי״ס? ..........................................ג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דִי גַבָּאִים פוּנֶעם שׁוּל דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם ..........................א

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת פַאר מִשְׁפָּחוֹת ..................ב

דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין מִיט חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער ..................................ג

דַארְף מֶען הָאבְּן גְרֵייט דִי פַּאסְפָּארְטְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַמֶערִיקֶע?......ג

אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה .................................................ה

גֵייט בַּאזוּכְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער ....................ה

מְסַדֵר זַיין אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר אַ פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק ........................ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַלֶעס אָנְקוּמֶען גְרִינְג ............ז

זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַאלְטְן רֵיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ ................ח

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער ..........ח

רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג אִין קְלַאס .......................ט

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן צוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה פַארְ׳ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ ............י

נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער צוּ קוּקְן מָאוִוי״ס .................................י

אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי פְלֶעי פוּנֶעם בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרֶעמַאן .....................יא

וִוי נָאר מֶען וֶועט קֶענֶען, וֶועל אִיךְ פָארְן צוּ אַייךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ...יא

אַז מֶען גֵייט לֵיידִיג אִיז נִישְׁט גוּט בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן כָּל שֶׁכֵּן בְּרוּחָנִיּוּת .... יב

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער נָאר גוּטְס וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי .............. יג

עֶס אִיז דָא פֶּעלֶער וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ יָא גֶטְ'ן ............................ יד

דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן צִי אָפְּן? ...................... טו

דִי בֶּעסְטֶע אִיז צוּ פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלוֹת אִין אַ בְּרִיוו ........................ יח

דַאנְקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן יט

וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ ............................ יט

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה ........... כ

רֶעד מִיט דַיינֶע חַבֶר'טֶעס נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן ........................ כא

לָאז דַיין וַוייבּ שְׁלָאפְן ............................................... כא

טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, וֶועסְטוּ צוּם סוֹף טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ ..... כב

מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ נִיסִים ......................... כג

צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ חַיּוּת ........................................ כג

אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט, קוּם אַרוֹיף הֶערְן אַבִּיסְל חִזּוּק ..................... כד

ס'זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי דִירָה קַיין אִינְטֶערְנֶעט אוּן מָאוִוי"ס כד

אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שׁוּל דַארְף זַיין רֵיין אוּן צִיכְטִיג ........................ כה

לָאז שׁוֹין אָפּ דַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..... כו

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג מִיט דִי קִינְדֶער ...................... כו

אִיר זָאלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז אִיר נֶעמְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע
חַבֶר'טֶעס ................................................................. כז

דָאס הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, מַאכְט נִישְׁט קְרַאנְק דֶעם טַאטְן ............ כח

אַז דִי אַרְבֶּעט ווִיל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, גֵייט אַוֶועק פוּן דָארְט ......... כט

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְן נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן ............... ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְלִירְן וָואג גְרִינְגֶערְהֵייט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף אַ דַייעֶט, אִיךְ וֶוער פֶעטֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶסְן, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גוֹי'אִישֶׁער דַייעֶטִישְׁן, אִיךְ ווִיל קֶענֶען עֶסְן נָארְמַאל אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן אִיבְּרִיגֶע עֶסְן, אוּן אַזוֹי אָפְּפַאלְן פוּנְט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ צוּ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶסְן אִיבְּרִיג אוּן פַארְלִירְן וָואג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט, דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַ קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן; בְּסַךְ הַכֹּל בִּיסְטוּ אַבִּיסְל אִיבֶּערְוָואגִיג, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ.

דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הֶענְט; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט אַלֶעס אָן גְרִינְג, מֶען וֶוערְט

גֶעזוּנְט, מֶען עֶסְט גֶעזוּנְט; שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלְסְדִינְג.

אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר דָאס אַז דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְוָואגִיג - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר; נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען דַארְף, צִי דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער אַ קְלֵיינִיקֵייט וָואס שְׁטֶערְט וְכַדוֹמֶה, אוֹיף אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט, זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל עֶסְן גֶעזוּנְט, דִי עֶסְן זָאל זִיךְ פַארְדֵייעֶן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, עֶס זָאל מִיר זַיין גְרִינְג דָאס גֵיין אוּן קוּמֶען, עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג זִיךְ צוּ בַּאוֶועגְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע סָארְט מִיטְלֶען אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס, עֶס אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט מִיר. אִיךְ הֵייבּ אָן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיךְ עֶס, אָבֶּער גְלַייךְ דֶערוֹיף פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אוּן אִיךְ נֶעם צוּ מֶער אוּן מֶער וָואג, עֶס וֶוערְט מִיר אַלֶעס זֵייעֶר שְׁוֶוער. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע זַאךְ אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג; עֶס אִיז מַיין גֶעזוּנְט, עֶס אִיז מַיין בַּאוֶועגוּנְג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן, אִיךְ זָאל עֶסְן נָאר גֶעזוּנְט אוּן נִישְׁט מֶער וִויפִיל אִיךְ דַארְף, הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען דִינֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן לִיבְשַׁאפְט".

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן 'שִׂמְחָה' אוּן 'תְּפִלָּה' - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן מָאוִוי״ס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס רַאטֶעוֶועט מִיר מַמָּשׁ דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם מָאוִוי"ס וָואס אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס אִיךְ בִּין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מִיר אַלֵיין, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מַמָּשׁ גֶעהֶערְשְׁט אוֹיף מִיר.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר לִיבּ אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן אַזוֹי אַרוּם, נָאכְ'ן וֵויינֶען אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער - בִּין אִיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט דִי וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מָאוִוי"ס, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַלֶעס אוֹיסְצוּמֶעקְן.

אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶס אִיז נִישְׁט חָלִילָה אַז אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה פַארְ'ן עֶס אוֹיסְמֶעקְן, אִיךְ בִּין אָבֶּער פָּארְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאלְן קֶענֶען שְׁפִּירְן אִינְגַאנְצְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דֶעם אַז אִיךְ הָאבּ דָא מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּרוּכָה אַתְּ לַה׳, גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶעמֶעקְט דִי מָאוִוי״ס, אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי טוּמְאָה.

אִיר דַארְפְט בֶּענְטְשְׁן גוֹמֵל פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה; אִיר וֶועט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז מָאוִוי״ס אִיז זֵייעֶר אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס הַרְגֶ׳עט יֶעדֶע גוּטֶע חֵלֶק פוּנֶעם מֶענְטְשְׁנְ׳ס לֶעבְּן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת; אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס

הַרְגְ׳עֶט דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - טוּט עֶס אוֹיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם פָּשׁוּטְ׳ן גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט.

וֶוען אִיר זָאלְט וֶוען וִויסְן וִוי שֶׁעדְלִיךְ מָאוִוי"ס אִיז פַאר׳ן לֶעבְּן, וָואלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחַ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם; אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ.

מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען מַעֲשִׂיוֹת וִוי דִי קְלִיפּוֹת, דִי נִישְׁט גוּטֶע - הָאבְּן פַארְכַאפְּט אַ מֵיידְל, בִּיז אַ צַדִיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מֵיידְל פוּן דִי קְלִיפּוֹת, פוּן דִי שֵׁדִים, פוּנֶעם גַלָּח; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת, מֶען הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַ מֵיידְל אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת גֵייעֶן נָאךְ הַיינְט אָן, דִי קְלִיפּוֹת אַרְבֶּעטְן הַיינְט נָאךְ מֶער וִוי אַמָאל, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט טָאג טֶעגְלִיךְ בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, מֶען בַּאקוּמְט מָאוִוי"ס פוּן חֲבֵרִים אוּן חַבְרֶ׳טֶעס, מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן הַאלְבְּוֶועגְס בִּיז מֶען וֶוערְט פַארְכַאפְּט אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אָפּ שַׁבָּת, מֶען הֵייבְּט אָן מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין וַוייל דִי מָאוִוי"ס צִיט גָאר שְׁטַארְק מִיט אַ מַאגְנֶעטִישֶׁע קְרַאפְט, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין הֲנָאָה סְתָּם צוּ זִיצְן בַּיי דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה, מֶען לוֹיפְט אַרוֹיס, מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אִין שְׁטוּב מִיט מָאוִוי"ס; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה פַארְבְּרֶענְגְט, מֶען הָאט אַ גוּטֶע צַייט אִינְאֵיינֶעם, שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען ווִיל שׁוֹין אַוֶועק גֵיין, מֶען ווִיל שׁוֹין צוּרִיק גֵיין קוּקְן דִי דְמְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פַאר מֶען הָאט מֶען חֲתוּנָה, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז נָאךְ פִיל מֶער בִּיטֶער; מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען שְׁפִּירְט אַלְץ וִוי מֶען ווִיל שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי מַצָּב אוּן צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי מָאוִוי"ס, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס קוּמֶען קִינְדֶער הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ נֶערְוְון אוּן גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט בַּאפְרֵייט פוּן תְּפִיסָה? אֵיין זַאךְ, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יְיִשַׁר כֹּחַ אַז דוּ הָאסְט מִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן תְּפִיסָה", קֵיינֶער בֶּעטְקְט נִישְׁט צוּרִיק צוּ גֵיין אִין תְּפִיסָה; דָאס זָאלְט אִיר טוּן טָאג אוּן נַאכְט, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן דֶעם פָּסוּק פוּן

הַלֵּל (תְּהִלִּים קיג, ז): "'מְקִימִי מֵעָפָר דָּל, מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן', יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאסְט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן גַּארְבִּידְזְשׁ, פוּן דִי מִיסְט; אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין מִיסְט און יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ וְוי אִיךְ בִּין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נָאנְט צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דִי גַבָּאִים פוּנֶעם שׁוּל דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי נַחַת וָואס אִיךְ הָאבּ וֶוען אִיךְ בַּאקוּם נָאכְאַנַאנְד הֶערְלִיכֶע גְרִיסְן אוֹיף אוּנְזֶער שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם; בִּפְרַט יֶעצְט נָאךְ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען גָאר אַסַאךְ גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף אוּנְזֶער שׁוּל, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם. בְּעִיקָר אַז עֶס הֶערְשְׁט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְדוּת, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אוּן מֶען קוּקְט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם; בִּפְרַט דִי גַבָּאִים פוּנֶעם שׁוּל דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם. אִיךְ הָאבּ מְמַנֶּה גֶעוֶוען דְרֵיי גַבָּאִים, דַארְפְט אִיר אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם; אוֹיבּ אִיז דָא חִלוּקֵי דֵעוֹת דַארְף מֶען גֵיין נָאךְ רוֹב, אוּן אוֹיבּ אִיר ווִילְט קֶענְט אִיר מִיר פְרֶעגְן, אוּן אַז אִיר וֶועט וֶועלְן אָנְנֶעמֶען מַיין דֵעָה וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

מִיר בּוֹיעֶן יֶעצְט אַ שְׁטֶעטְל אִין אַמֶערִיקֶע; עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין דֶעם, הָאבּ אִיךְ מְמַנֶּה גֶעוֶוען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין גַבָּאִים, אוּן וֶוען עֶס אִיז דָא חִלוּקֵי דֵעוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען, פְרֶעגְן זֵיי מִיר וָואס מַיין דֵעָה אִיז, בִּיז מֶען קוּמְט זִיךְ דוּרְךְ. אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אִיר דַארְפְט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן אִינְאֵיינֶעם מַחְלִיט זַיין.

בִּיז דֶערְוַוייל לָאזְט מֶען נָאךְ נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וַוארְט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען אוּן אוּנְז אַלֶע אַהִין נֶעמֶען מִיט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת פַּאר מִשְׁפָּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַאר׳ן הֶעלְפְן גֶעבְּן חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת וְכַדוֹמֶה פַּאר דִי מִשְׁפָּחוֹת בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען אָנְגֶעוִוירְן אוֹיף דֶעם, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בָּבָא בַּתְרָא יא), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא בִּנְיָמִין הַצַּדִיק אִיז גֶעוֶוען דֶער גַבַּאי צְדָקָה, עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט; אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרֶעמֶע פְרוֹי אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן עֶסְן, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: ״דִי קַאסֶע אִיז לֵיידִיג״, הָאט זִי גֶעוויינְט אוּן גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיינֶע זִיבְּן זוּן״, הָאט עֶר אִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער תַּנָּא בִּנְיָמִין הַצַּדִיק אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער קְרַאנְק אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים אִין הִימְל גֶעזָאגְט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה אָמַרְתָּ כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא״, דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן זָאל לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר מַאכְט לֶעבֶּעדִיג דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, ״וּבִנְיָמִין הַצַּדִיק שֶׁהֶחֱיָה אִשָּׁה וְשִׁבְעָה בָּנֶיהָ, יָמוּת בְּשָׁנִים מוּעָטוֹת הַלָּלוּ״, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק בִּנְיָמִין וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן נִישְׁט נָאר פַאר אֵיין מֶענְטְשׁ נָאר פַאר אַ מַאמֶע מִיט זִיבְּן קִינְדֶער זָאל אַזוֹי יוּנְג שְׁטַארְבְּן? ״מִיַּד קָרְעוּ לוֹ גְּזַר דִּינוֹ״, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶערִיסְן זַיין גְּזַר דִין אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן. דִי גְמָרָא פִירְט אוֹיס: ״הוֹסִיפוּ לוֹ עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה עַל שְׁנוֹתָיו״, מֶען הָאט אִים נָאךְ צוּגֶעגֶעבְּן נָאךְ צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר צוּם לֶעבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס מִשְׁפָּחוֹת זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶסְן אִין שְׁטוּבּ, דוּרְכְדֶעם וֶוערְן צֶערִיסְן אַלֶע גְזֵירוֹת אוּן מֶען בַּאקוּמְט לַאנְגֶע

יָארְן צוּם לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן דִי מִצְוָה, זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְּן חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת וְכַדוֹמֶה פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

...

## דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין מִיט חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען וואוּיל; זֵיי צֵייכֶענֶען זִיךְ אוֹיס מִיט גוּטֶע מִידוֹת. עֶס מוּז זַיין אַז אִיר דַאוֶוענְט אַסַאךְ, אִיר בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן אִין דֶעם זְכוּת הָאט אִיר אַזַא שֵׁיינֶע גָארְטְן.

אוֹיב אִיךְ מֶעג בַּאמֶערְקְן אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז אַייעֶר קִינְד זָאל קוּמֶען מִיט חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער; זַיינֶע שִׁיךְ זָאלְן זַיין חֲסִידִישׁ, נִישְׁט מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע קָאלִירְן.

סְתַם אַ מִשְׁפָּחָה וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט; אָבֶּער אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז אַ מִשְׁפָּחָה וָואס אַלֶע קוּקְן, מֶען ווִיל זֶען ווִי אַזוֹי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, דַארְפְט אִיר זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג.

שְׁטַארְקְט אַייךְ; וָואס אִיר דַארְפְט אוּן ווִילְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען הָאבְּן גְרֵייט דִי פַּאסְפָּארְטְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַמֶעריקֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, אִיר ווִילְט ווִיסְן אוֹיב עֶס אִיז אֱמֶת אַז נָאךְ

אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַלֶע דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַמֶעריקֶע; אַ פְרוֹי זָאגְט פַאר אַלֶע פְּרוֹיעֶן אַז זִי הַאלְט מִיט זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט דִי פַּאסְפָּארְטְן פוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען וֶועט דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן, אִיר פְרֶעגְט אוֹיב אִיר זָאלְט אוֹיךְ אַזוֹי טוּן.

עֶס דֶערְמַאנְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶס זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס פִירְן זִיךְ צוּ לֵייגְן אוּנְטֶער זֵייעֶר קִישְׁן אַ פְלַאשׁ בְּרוֹינְפְן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף פְרֶעגְן זֵיי: 'מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא?!' אוּן זֵיי הֵייבְן אָן טְרִינְקֶען בִּיז זֵיי וֶוערְן שִׁיכּוֹר אוּן שְׁלָאפְן נָאכְאַמָאל אַיין; זֵיי זָאגְן אַז ווִילַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא דַארְף מֶען אַיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאפְט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה; מֶען דַארְף לֵייגְן אַ תְּהִלִּים אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דָא, זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים, זָאגְן תְּהִלִּים אוּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זָאגְט פַאר דִי פְרוֹי וָואס טְרָאגְט אִירֶע פַּאסְפָּארְטְן מִיט זִיךְ וְכוּ', אַז אַנְשְׁטָאט הַאלְטְן אִין אִיר טַאשְׁקֶע טָאג אוּן נַאכְט אִירֶע פַּאסְפָּארְטְן זָאל זִי הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ תְּהִלִּים אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

אַז אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן זָאלְט אִיר לֶערְנֶען 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', אִין דִי בְּרִיוו לִיגְט אַלֶעס; אַלֶע סוֹדוֹת, אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - לִיגְט אִין דִי בְּרִיוו. קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קוּמֶען זָאגְן דָאס אוּן יֶענְץ וֶוען מִיר הָאבְן דִי בְּרִיוו אוּן דָארְט וַוייזְט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ וָואס מִיר זָאלְן טוּן, ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן.

מִיר וֶועלְן וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, דִי גְרָאדֶע שֵׂכֶל אוּן זִיסֶע לֶעבְן פַאר אַלֶעמֶען אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ וָואס וֶועט אוּנְז מִיט נֶעמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ זוּכְסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דַיין שְׁוֶוערֶע צָרָה אִיז דָא אֵיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן - נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ו): ״אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ״, אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נֶעם אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְּמָרָא אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים. לֶערְנֶען הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט אָדֶער מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג וְוִי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה (קוּק נָאךְ אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי אוֹיךְ בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר, אִין דִי אַלֶע שַׁבָּתִים וָואס מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָאס הֵייסְט יֶעדֶע פֶערְטֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵייט בַּאזוּכְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

קוֹדֶם כָּל זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן

נָאכְן רוּפְן אַזוֹיפִיל מָאל; רוֹב טָאג זִיץ אִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים אָדֶער בִּין אִיךְ פַּארְנוּמֶען מִיט דִי חֶדֶר, סְקוּל וְכַדוֹמֶה. דִי גְרִינְגְסְטֶע וֶועג צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה אִיז דוּרְךְ שְׁרַייבְּן.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת אִין דִי תּוֹרָה; דֶערִיבֶּער אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט גֵיין בַּאזוּכְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פוּן צַייט צוּ צַייט. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען אִיר גֵייט צוּ זֵיי קוּמְט אַייךְ אַרוֹיף אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת אוּן אִיר זֶעט נֵייעֶ סְצֶענֶעס וִוי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, דָאס מַאכְט אַייךְ זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט וְכוּ׳; דָאךְ זָאלְט אִיר גֵיין צוּ זֵיי, וָואס אִיז אַייעֶר מַאמֶע שׁוּלְדִיג, נִישְׁט גֶענוּג אִיר מַאן שְׁרֵייט אוֹיף אִיר אוּן זִידֶעלְט אִיר אָפּ, קֶען זִי נִישְׁט הָאבְּן אַבִּיסְל נַחַת, זֶען דִי קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ?

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין דָארְט אוּן צוּזֶען וְכוּ׳, דָאךְ זָאלְט אִיר גֵיין מְזֻמָּן לִזְמַן.

גֵייט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, גֵייט שְׁפַּאצִירְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַ פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס אִיז לֵיידִיג, נִישְׁטָא קֵיינֶער, נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשְׁן; אִיר קֶענְט רוּאִיג שְׁפַּאצִירְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### מְסַדֵּר זַיין אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר אַ פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס אִיר טוּט, אִיר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אַייעֶר לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, בִּפְרַט יֶעצְט אוֹיף יוֹם טוֹב הָאט אִיר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט עֶסְן מִכָּל טוּב וָטוּב, פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ וְכַדוֹמֶה אוּן אוֹיסְגֶעצָאלְט גְרָאסֶערִי פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בָּנֵי, חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי אוּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מְסַדֵּר זַיין אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר דִי פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק, הָאבְרֵךְ ... מִיט זַיין כַּלָּה תִּחְיֶ׳, בֵּיידֶע חָשׁוּבֶ׳ע תַּלְמִידִים פוּן אוּנְזֶערֶע

מוֹסְדוֹת. פְרֶעגְט נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת וֶוער עֶס וויל אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי סְעוּדָה, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דֶעם שַׁבָּת מְבָרְכִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל; גֶעב אִיבֶּער פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין דִי יָאר אַלֶע שַׁבָּתִים וָואס מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ - אִין שְׁטֶעטְל, עֶס קוּמְט אוֹיס יֶעדֶע פֶערְטֶע שַׁבָּת. אַזוֹי אוֹיךְ קֶענְסְטוּ פַארְדִינְגֶען דַיין דִירָה אוֹיב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה ווִילְן קוּמֶען.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַלֶעס אָנְקוּמֶען גְרִינְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס בַּיי עֶנְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַלֶעס אָנְקוּמֶען גְרִינְג, מִיט גְרוֹיס נַחַת אוּן פְרֵייד.

וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט פַאר דִיר זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַרַיינְפְלֶעכְטְן אִין דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים דַיינֶע אֵייגֶעֶנֶע תְּפִילּוֹת.

וֶוען מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב עֶסְט מֶען נִישְׁט קַיין קְנָאבְל אוּן צְווִיבְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הֵרָיוֹן, סִימָן ד): "עֻבָּרוֹת וּמֵינִיקוֹת לֹא יֹאכְלוּ שׁוּמִין וּבְצָלִים", קְנָאבְל אוּן צְווִיבְל אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַ פְרוֹי אִין דִי טֶעג וָואס זִי וַוארְט אוּן אִין דִי טֶעג וָואס זִי זֵייגְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶסְן קַיין רֶעטֶעךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, אוֹת הֵרָיוֹן, סִימָן א): "אִשָּׁה שֶׁאוֹכֶלֶת צְנוֹן בְּעִבּוּרָהּ, תֵּלֵד בְּקֹשִׁי", אַ פְרוֹי וָואס עֶסְט רֶעטֶעךְ וֶועט הָאבְן שְׁוֶוער וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ; מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר, זֶע עֶס זָאל אַלְץ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער.

...

**זיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ און הַאלְטְן רֵיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידִים פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי שֵׁיין אִיר דַאוֶוענְט און אַייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר זָאלְט פָאלְגְן עֶנְקֶער מְלַמֵד שְׁלִיטָ״א; אִיר ווֵייסְט דָאךְ אַז ׳דֶרֶךְ אֶרֶץ׳ אִיז בַּיים רֶבִּי׳ן פוּן דִי גְרֶעסְטֶע און חָשׁוּב׳סְטֶע זַאכְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ און אַרוּם דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ; וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט לֶערְנֶען זָאלְט אִיר אַוֶועקְלֵייגְן דִי סְפָרִים פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ און מְסַדֵר זַיין דִי טִישְׁן און בֶּענְקְלֶעךְ און אַזוֹי וַוייטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): ״גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ״, בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן לֶערְנֶען.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ און הַאלְטְן רֵיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ; וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ און אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּב׳עֶר מְלַמֵד הר״ר ... שְׁלִיטָ״א.**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר און ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי נֶעכְטְן בַּיי ׳אָבוֹת וּבָנִים׳ חוּמָשׁ רַשִׁ״י; זֵיי הָאבְּן

זַייעֶר גוּט גֶעקֶענְט אוּן קְלָאר פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי תַּלְמִידִים אוּן זֶען נַחַת פוּן זֵיי אוּן פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

...

**רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג אִין קְלַאס**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א**
**לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ ווִיל אַבִּיסְל הִילְף פוּן אַייךְ, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר בַּאגְלֵייט אַייעֶר טָאכְטֶער צוּ סְקוּל זָאלְט אִיר זִי זָאגְן: ״אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג צוּ דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס״, אוּן וֶוען זִי קוּמְט אַהֵיים פוּן סְקוּל זָאלְט אִיר זִי פְרֶעגְן: ״בִּיסְט גֶעוֶוען וואוֹיל? בִּיסְט גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג?״ אוּן וֶוען זִי עֶנְטְפֶערְט: ״יָא״, זָאלְט אִיר זִי וַוייזְן אַ גְרוֹיסְן שְׁמֵייכְל אוּן זָאגְן הוֹיךְ: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג״; זָאגְט עֶס הוֹיךְ אַז אַייעֶר טָאכְטֶער זָאל עֶס הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זִי זֶען אַז דָאס אִיז אַן עִיקָר בַּיי אִיר מַאמֶע, וֶועט זִי זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען אִיר טְרֶעפְט דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן אִיר בַּאקוּמְט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אִיר, זָאלְט אִיר מַאכְן אַן עֵסֶק דֶערְפוּן, אִיר זָאלְט שְׁמוּעֶסְן מִיט אַייעֶר מַאן וֶוען אַייעֶר טָאכְטֶער הֶערְט: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי טִיטְשֶׁער אוּן זִי זָאגְט אַז אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִיז זַייעֶר וואוֹיל״.

אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַייךְ, נִישְׁט אַייךְ צוּ מְרַמֵז זַיין אַז אַייעֶר טָאכְטֶער דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן; אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זַייעֶר וואוֹיל, נָאר ווִי אִיךְ זֶע הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין סְקוּל; אִיךְ ווִיל הָאבְּן קִינְדֶער, מֵיידְלֶעךְ - וָואס וֶועלְן זַיין פֶּעלְזְן פֶעסְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן פוּן דִי וָואס זוּכְן צוּ שְׁטֶערְן וְכוּ׳. אִיךְ ווִיל אַז אַייעֶר טָאכְטֶער זָאל זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה אוּן דָאס קֶען נָאר זַיין וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף דֶעם.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן צוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה פַאר'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן אַזוֹי שֵׁיין אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה מִיט וָואס עֶס פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַאר'ן זָארְגְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע סוּכָּה; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדֶע נַאכְט הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעטַאנְצְן לַאנְגֶע שָׁעוֹת אִין דִי סוּכָּה, אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ דִיר פַאר'ן אַוֶועקְלֵייגְן דִי סוּכָּה; וָואס דוּ מַאכְסְט אוּן טוּסְט - טוּסְטוּ בִּשְׁלֵמוּת, דוּ מַאכְסְט נִישְׁט הַאלְבְּוֶועגְס, נָאר מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; פַאר אַ יָאר צוּרִיק הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן וִוי דוּ הַאלְסְט יֶעצְט, וִוי מֶער דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטְס.

...

**נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער צוּ קוּקְן מָאוִוי"ס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? וָואס הֶערְט זִיךְ? אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיּוּמִים, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' זַיין.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר; עֶס אִיז אַ שָׁאד זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן מָאוִוי"ס, זֵיי דֶערְצֵיילְן אִין סְקוּל אַז זֵיי קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר טֶעבְּלֶעט וְכוּ'. זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נְשָׁמָה'דִיג אוּן הַארְצִיג, יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ; יֶעצְט אִיז אֶפְשַׁר גְרִינְגֶער זֵיי שְׁטִיל צוּ מַאכְן מִיט דֶעם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶּער וָואס וֶועט זַיין וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן? דֶעמָאלְט וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל אִיךְ וִויל דַיין טוֹבָה.

...

### אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי פְּלֶעי פוּנֶעם בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרֶעמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן צוּעֶנְדִיגְן דִי פְּלֶעי, אָנְגְרֵייטְן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן פַאר דִי גַאס דִי פְּלֶעי וָואס אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט, דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרֶעמַאן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י׳).

אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם שְׁפִּיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער נָאר מִיט דִי כַּוָונָה דָאס אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן פַאר דִי וֶועלְט, פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּקְן פְּלֶעיס, זֵיי זָאלְן קוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס מַעֲשֶׂה אוּן הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל.

מִיט דֶעם וָואס אִיר וֶועט דָאס עֶנְדִיגְן מֶען זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן וֶועט אִיר הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע זְכוּתִים, אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס וֶועלְן דָאס קוּקְן אוּן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דָאס זַיין אַייעֶר זְכוּת.

...

### ווִי נָאר מֶען וֶועט קֶענֶען, וֶועל אִיךְ פָארְן צוּ אַייךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בַּאקוּמֶען גְרִיסְן אוֹיף דַיין דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ יְרוּשָׁלַיִם, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן הִתְעוֹרְרוּת׳דִיג.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה אַז דוּ דַאוֶוענְסְט אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, בִּיז דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָארְט; זַייט פּוּרִים

אִיז פַארְמַאכְט דִי גְרֶענִיץ, אֵין יוֹצֵא וְאֵין בָּא, אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר צוּ קֶענֶען זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִי נָאר אִיךְ וֶועל הֶערְן אַז מֶען קֶען פָאָרְן - הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף אוּן אִיךְ פָאר; אִיךְ וֶועל זַיין אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ בֶּענְק זֵייעֶר צוּ זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, שְׁרַייבּ מִיר וָואס טוּט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אִיךְ ווִיל זַיין מִיט אַייךְ.

...

## אַז מֶען גֵייט לֵיידִיג אִיז נִישְׁט גוּט בְּגַשְׁמִיוּת אוּן כָּל שֶׁכֵּן בְּרוּחָנִיּוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל מַצְלִיחַ זַיין - זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן פַּרְנָסָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאלְן זַיין אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג; אַז מֶען גֵייט לֵיידִיג אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת אוּן כָּל שֶׁכֵּן בְּרוּחָנִיּוּת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט דֶעפְּרֶעסְיֶע; אֲפִילוּ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן יֶעצְט פַּרְנָסָה פוּן דִי רֶעגִירוּנְג וָואס פַארְטֵיילְט גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער פַאר אַרְבֶּעטְסְלָאזֶע - דַארְפְן אוֹיךְ זַיין פַארְנוּמֶען, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג; גֵיין לֵיידִיג הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס הַרְגְ'עֶט דִי שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דִי אִינְגֶעלַייט מִיט דֶעם; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט פְּשַׁט אִין דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ", עֶס אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ אַרְבֶּעטְן, "שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן", אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען אַרְבֶּעט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, עֶס שְׁטֵייט 'מְשַׁכַּחַת עָוֹן', אַ לָשׁוֹן פוּן שִׁכְחָה, דָאס הֵייסְט אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען

אַרְבֶּעט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין צַייט און מֶען פַארְגֶעסְט צוּ זִינְדִיגְן.

...

**רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער נָאר גוּטְס וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע אִידְן און אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס; וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט זַאכְן פוּן חֵדֶר, פוּן דֶעם רֶבִּי'ן פוּן יֶענֶעם רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט אַוֶועק דֶעם און יֶענֶעם, בַּיים סוֹף מַאכְן דִי קִינְדֶער אַ פְּשָׁרָה - זֵיי מַאכְן אַלֶעמֶען אַוֶועק...

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער נָאר גוּטְס; אַלֶע וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין גוּטְס, וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ הַאלְטְסְט נָאךְ אַ טָאג שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְּמָרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי

מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

מִיטְוָואךְ נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּוְעֶן צַאמְקוּם, סֵיי אִין יְשִׁיבָה אוּן אוֹיךְ אִין שְׁטֶעטְל; זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען. עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פְּרוּיעֶן שִׁיעוּרִים, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זוֹךְ נִישְׁט אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן, דוּ וֶועסְט הֲנָאָה הָאבְּן; אַנְדֶערֶע וָואלְטְן גֶעצָאלְט זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט אַז זֵייעֶר וַוייבּ זָאל הֶערְן אַזַא שִׁיעוּר, ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן מַאן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז דָא פֶעלֶער וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ יָא גֶטְ'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיר הָאט נִישְׁט דִי אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט וָואס שְׁנֶעלֶער פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם רָשָׁע מְרֻשָּׁע וָואס הָאט אַייךְ אַזוֹיפִיל יָארְן גֶעפַּיינִיגְט אוּן אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ רַחְמָנוּת'דִיגֶער מַאן וָואס וֶועט אַייךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל בִּין אִיךְ זֵייעֶר קֶעגְן גֶטְ'ן, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט פוּן מַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי - מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין

גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת; מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז גֶעוֶוען פֶּעלֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש אַלֵיינְס הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל זִיךְ גֶטְ'ן. אִין אַייעֶר פַּאל, וֶוען אִיר לֶעבְּט מִיט אַ חַיָ' רָעָה, אַ קְרַאנְקֶער כַארַאקְטֶער וָואס פַּיינִיגְט אַייךְ אוּן עֶר הָאט אַייךְ כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן צוּגְרִינְד גֶעלֵייגְט - דַארְפְט אִיר זִיךְ גֶטְ'ן אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

דָאס וָואס אַייעֶר טָאכְטֶער זָאגְט אַז עֶר הָאט נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע מְנִיוָולוּת, עֶר לִיגְט מִיט אִיר וְכוּ'; זָאלְט אִיר זִי גוּט אָנְגְרֵייטְן זִי זָאל זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט זִיךְ לָאזְן צוּגְרִינְד לֵייגְן אִיר לֶעבְּן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן אִים, עֶר הָאט מִיר אַלֵיינְס מוֹדֶה גֶעוֶוען אוֹיף דָאס אַלֶעס וָואס זִי דֶערְצֵיילְט; אִיךְ הָאבּ פוּן אִים אִימֶעילְס וואוּ עֶר אִיז מוֹדֶה אוֹיף אַלֶעס. זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים, עֶר קֶען אַייךְ גָארְנִישְׁט שֶׁעדִיגְן.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶר פַּרְנָסָה אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט.

אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר זֶענְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אִים אוּן אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

גֶעדֶענְקְט: "אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ, קֵיינֶער קֶען אַייךְ גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן צִי אָפְּן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן צִי אָפְּן? הַלְוַאי וֶוען מֶען קֶען שְׁרַייבְּן מֶער אָפְּן; וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל אִין אוּנְזֶער דוֹר וֵוייסְט אַז דַיְקָא דִי בְּרִיוו זֶענֶען מְחַזֵּק דֶעם יוּגֶענְט.

מִיר גֶעפִוּנֶען זִיךְ אִין אַ דוֹר וָואס אִיז עֶרְגֶער פוּנֶעם דוֹר הַמַּבּוּל, הַיינְט הָאבְּן מִיר דֶעם דוֹר הַמַּבּוּל אוּן דוֹר הַפְּלָגָה אִינְאֵיינֶעם; אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט בְּנֵי

הַנְּעוּרִים - אִינְגְלֶעךְ, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין נִיאוּף, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אַזוֹי גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ זֶען אוּן טוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע; עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פֵייעֶר פוּן נִיאוּף, אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן נִיאוּף, אוּן אֵיינְמָאל מֶען זִינְדִיגְט אִין נִיאוּף, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַאלְט מֶען אַרַיין אִין מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לא): אֱמוּנָה אוּן בְּרִית גֵייט צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה.

עֶס גֵייט אַ מַבּוּל אִין גַאס; מִיר הַאלְטְן יֶעצְט פַאר בִּיאַת הַגּוֹאֵל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ מַבּוּל פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן וִוי מֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה, נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה אוּן נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה.

מֶען הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן אַלֶע יָארְן אוֹיף מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן אָפְּן וְכוּ' וְכוּ'; מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי אַלֵיינְס דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט אוּן שְׁפֶּעטְן נָאךְ עַד הַיּוֹם פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אֲפִילוּ דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן מוֹהֲרַא"שׁ פַארְוָואס עֶר שְׁרַייבְּט אַזוֹי אָפְּן, וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס? וֶוען מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַא"שׁ: "אֶפְשָׁר נַארְט אִיר זִיךְ?"

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן 'אֶפְשָׁר נַארְ'ט אִיר זִיךְ?' הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים וַוייזְן וָואס צוּ טוּן. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס טוּ אִיךְ, זָאל אִיךְ וַוייטֶער שְׁרַייבְּן? רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זָאגְט מִיר אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ טַאקֶע?" וַיְהִי הַיּוֹם, קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן וֵויינֶען צוּ מוֹהֲרַא"שׁ אַז עֶר דַארְף אַ תִּיקּוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, עֶר לִיגְט אִין טוּמְאָה, עֶר זִינְקְט אִין דִי נ' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה. עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרַא"שׁ אַז אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּנְטֶער רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק'ס דִירָה אִיז דָא אַ דִירָה פוּן נִיאוּף, דָארְט ווָאוֹינֶען צְוֵויי מֵיידְלֶעךְ אוּן זֵיי פַארְקוֹיפְן זִיךְ פַאר עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן גְרוֹשִׁים קוּמֶען אַהִין זִינְדִיגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבַן; שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אֵיינֶער

מִיט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מֶען וַוייזְט מִיר פוּן הִימְל, אֱמֶת טַאקֶע, רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אָבֶּער וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶער זַיין דִירָה - דָאס וַוייזְט מֶען אִים נִישְׁט פוּן הִימְל, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי יוּגֶענְט, דָאס וַוייזְט מֶען מִיר, אוּן אִיךְ מוּז רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת".

וָואס זָאלְן מִיר הַיינְט זָאגְן וֶוען דִי דוֹר אִיז גֶעפַאלְן אוּן פַאלְט יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע מִינוּט? פוּן וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אִיז דֶער דוֹר אַן אַנְדֶערֶע דוֹר, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז הַיינְט דָא.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט בַּיים לֶעצְטְן שְׁמוּעֶס, דֶעם לֶעצְטְן לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה: "אִיךְ זֶע וִוי דֶער דוֹר פַאלְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי יוּגֶענְט, פְרִישֶׁע טֻמְאוֹת; עֶס גֵייט אַזוֹי נִידְרִיג, עֶס הַאלְט בַּיי בְּרִידֶער מִיט שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ' וְכוּ', מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דָאס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען".

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער, אָבֶּער אִיוֹב הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע פְרַיינְט (אִיּוֹב טז, ג): "הֲקֵץ לְדִבְרֵי רוּחַ"; מִיר דַארְפְן טוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; טַעֲנוֹת אוּן הִתְנַגְּדוּת אִיז נָאר אַ גוּטֶע סִימָן, אָךְ אוּן וֵויי אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין קוֹל הֲבָרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כב) וֶוען עֶס אִיז דָא אַ קוֹל דִקְדֻשָּׁה וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אַ קוֹל הֲבָרָה, עֶס קוּמְט הִתְנַגְּדוּת.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, נָאר אֵיין זַאךְ: "הַפָּצָה, הַפָּצָה אוּן נָאכְאַמָאל הַפָּצָה". נֶעם דִי אַרְבֶּעט פוּן אִיבֶּער טַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן צוּזַאמֶען מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים זָאלְט אִיר דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ בִּיסְט גַבַּאי, דוּ הֶעלְפְּסְט דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶּער דַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין: "הַפָּצָה, הַפָּצָה, אוּן נָאכְאַמָאל הַפָּצָה"; דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר וִוּיכְטִיג, אָבֶּער הַפָּצָה - דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה.

מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַ עֶרְגֶערֶע מַצָב פוּן דִי וֶועלְט מִלְחָמָה. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְטְס קְרִיג אוּן מֶען הָאט צְוֵויי זַאכְן וָואס מֶען קֶען טוּן, אָדֶער קֶען מֶען נָאךְ אֵיין אִיד רַאטֶעוֶוען, מֶען קֶען נָאךְ אֵיין אִיד אַרוֹיסְכַאפְּן פוּן דִי צֵיין אוּן נֶעגְל פוּן דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם, אָדֶער מַאכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן - וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן? וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מִיכָאֵל בֶּער וֵוייסְמַאנְדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּ דִי אַמֶערִיקַאנֶער אִידְן: "גֶעבְּט גֶעלְט, מֶען קֶען אוֹיסְקוֹיפְן פוּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם נָאךְ אַ אִיד", הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר דַארְפְן דִי גֶעלְט, מִיר דְרוּקְן יֶעצְט גְּמָרוֹת", עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: "וֶוער דַארְף יֶעצְט גְּמָרוֹת? דָאס אִיז בְּלוּטִיגֶע גְּמָרוֹת! מִיט יֶעדֶע פְּרוּטָה קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען נָאךְ אַ אִיד"; אַזוֹי דַארְפְן מִיר קוּקְן אוֹיף הֲפָצָה, וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ אִידְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי בֶּעסְטֶע אִיז צוּ פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלוֹת אִין אַ בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט פַאר אַייךְ.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ מַיין אַרְבֶּעט; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אַז אִיר הָאט שְׁאֵלוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן מִיט דִי קִינְדֶער, זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶנְטְפֶערְן דָאס שֶׁנֶעלְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאנקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... אוּן ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ; פַאר נִישְׁט לַאנְג צִי לַאנְג צוּרִיק זֶענְט אִיר גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְלוֹירְן. דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אוּן ... תִּחְיֶ׳ - בִּיסְט גֶעוֶוען אַ פַארְלוֹירֶענֶע מֵיידְל אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, אִיר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן יֶעצְט אַז אִיר בֵּיידֶע טֵייעֶרֶע הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם: ״יוֹדוּ לַה׳ חַסְדוֹ״, ״חַסְדֵי ה׳ כִּי לֹא תָמְנוּ״, ״טוֹב לְהוֹדוֹת לַה׳״, ״אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ״.

וִוי מֶער אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער וֶועט אִיר זֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ עֶנְק זֵייעֶר לִיבּ, אִיר זֶענְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ.

...

## וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, ווילְיַאמְסְבּוּרְג.**

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף דִיר נָאכְאַמָאל שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק.

דוּ וֶועסְט זֶען וִוי שַׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְפִּירְן מִיט דִיר; זֵייעֶר שְׁנֶעל גֵייסְטוּ אַ כַּלָּה וֶוערְן. אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַ יְרֵא ה׳, מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת וְעַל כּוּלָּם אַ גְרוֹיסֶער מֵפִּיץ.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חִסָּרוֹן אִיז, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וַוארְטְן אֲפִילוּ נָאךְ אֵיין טָאג, דוּ ווִילְסְט ׳שׁוֹין׳ וֶוערְן אַ כַּלָּה אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר זֵייעֶר גוּט; אַלֶע גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער גֶעדֶענְק, מֶען קֶען נִישְׁט דוֹחֵק זַיין דֶעם קֵץ, מֶען מוּז זִיךְ אוּנְטֶער

וַוארְפְן אוּנְטֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן וְכוּ׳, אוּן פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט דַארְף מֶען חַזֶרְ'ן: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דִי בֶּעסְטֶע וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, וֶוען עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר אוּן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר׳.

וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד.

...

## אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּמוֹסְדוֹתֵינוּ ווילְיַאמְסְבּוּרְג.**

וואוֹיל אִיז דִיר ..., וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דַיינֶע יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בִּיסְט מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט; יֶעדֶער תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז מִיר בַּאלִיבְּט, אָבֶּער נָאכְמֶער בַּאלִיבְּט זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִימוּדִים וָואס מוֹהֲרָא״ש לֶערְנְט אוּנְז - פַאר אַנְדֶערֶע.

מֵיינֶע זוּן וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי דִיר לֵיינֶען יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הָאֲרִיזַ״ל; דוּ הָאסְט עֶס גוּט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זֵיי, דוּ הָאסְט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הָאֲרִיזַ״ל וָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אוּן זֵיי לֵיינֶען דֶערִין יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע.

וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, דִי יָאר אִיז אַרַיין צוּ דִיר נָאךְ אַ קִינְד מַיינְס, ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר דַארְף נָאךְ אַ שְׁטִיקְל שְׁטוּפּ, אִים דַארְף אִיךְ נָאךְ דֶערְמַאנֶען יֶעדֶע נַאכְט, אַז אִיךְ דֶערְמַאן אִים נִישְׁט - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳; אוֹיב קֶענְסְטוּ פוּן פְרִישׁ דָאס אַרַיינְבַּאקְן אִין זֵיי אוּן זֵיי גֶעבְּן פוּן דַיינֶע קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶער, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

שְׁטַארְק זִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר אוּן דַיין וַוייבּ נִיסִים בִּיז אַהֶער, וֶועט וַוייטֶער מַאכְן נִיסִים, זִי וֶועט הָאבְּן בְּנָקֶל וּבְנַחַת.

...

## רֶעד מִיט דַיינֶע חַבֶר'טֶעס נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.**

הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט מִיט דַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס פוּן בָחוּרִים, פוּן שִׁידוּכִים; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר אָנְגֶעטְרָאגְן, נָאר דוּ אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; דָאס אַלֵיינְס ווַייזְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין רֵייף חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע וֶועג, רֶעד מִיט דַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס פוּן אַלֶעס אָבֶּער נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן.

כַאפּ אַריין דִי בִּיסְל צַייט בִּיז דוּ וֶוערְסְט אַ כַּלָּה אוּן דוּ הָאסְט חֲתוּנָה - צוּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע; אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען שׁוֹין וֵוינִיגֶער צַייט, מֶען הָאט שׁוֹין אַן אֵייגֶענֶע וִוירְטְשַׁאפְט; יֶעצְט אַלְס מֵיידְל זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

וַוייז קֵיינֶעם נִישְׁט דֶעם בְּרִיווּ, לָאז דִי לַאנְגֶע נֶעזֶער אַלֵיינְס פְּרוּבִּירְן צוּ טְרַאכְטְן: 'וֶוער? וָואס? וֶוען? וואוּ?' דוּ פִיר זִיךְ קְלוּג אוּן אֵיידְל.

...

## לָאז דַיין וַוייבּ שְׁלָאפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זַיין פָארְזִיכְטִיג מִיט דַיין וַוייבּ; בִּפְרָט יֶעצְט אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס זִי וַוארְט וְכוּ' - דַארְפְסְטוּ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר גֶעזוּנְט.

זֶע אַז זִי זָאל קֶענֶען שְׁלָאפְן, וֶועק אִיר נִישְׁט אוֹיף; עֶס אִיז זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁלָאף פוּן אַ פְרוֹי', פוּן אַ מַאמֶע; בִּפְרָט אִין דִי חֲדָשִׁים לָאז אִיר אַבִּיסְל שְׁלָאפְן.

אִינְדֶערְפְרִי דַארְף זִי אוֹיפְשְׁטֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, אַ גַאנְצְן טָאג הָאט זִי אִיר אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פַאלְט זִי שׁוֹין פוּן דִי כֹּחוֹת, עֶנְדְלִיךְ אַז זִי לֵייגְט זֵיי שְׁלָאפְן אוּן זִי פַאלְט אַריין אִין בֶּעט - טָארְסְטוּ אִיר

נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר; נָאר דוּ וֶועסְט מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק פוּן מַיין שְׁלָאף, פוּן מַיין לֶעבְּן - אַז דַיין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער - זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע.

אִיךְ מַיין נָאר דַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## טְרָאג דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן, וֶועסְטוּ צוּם סוֹף טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, גְלֵייבּ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ב.): ״אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד״, פֶערְצִיג טֶעג אֵיידֶער מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, ״בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת״, גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן זָאגְט, ״בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי״, דֶער וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ וֵויס דַיין צַעַר, וִוי שְׁטַארְק דוּ וֵויינְסְט אוּן וִוי דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ אַלְץ אַלֵיינְס; שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דוּ מֵיינְסְט אוּן וַוארְטְסְט ׳אָט אָט וֶוער אִיךְ אַ חָתָן׳ אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען, בִּיסְט שׁוֹין אַרוֹיס מִיט מֵיידְלֶעךְ וְכוּ׳ אוּן בַּיים סוֹף אִיז פוּן אַלֶעס גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ.

...

## מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ נִסִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דַיין מַאן זִיצְט אוּן לֶערְנְט, עֶר נוּצְט אוֹיס רוֹב טָאג מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרוֹסְן אוֹיף אִים, אַז עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

שְׁטַארְק זִיךְ; מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ נִסִּים, צוּ אָפֶענֶע נִסִּים. דוּ וֶועסְט נָאךְ זַיין אַזוֹי גֶעזוּנְט, אַלֶע פְּחָדִים אוּן בִּלְבּוּלִים וֶועלְן אַוֶועק גֵיין; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, תְּפִלָּה טוּישְׁט דִי נַאטוּר, תְּפִלָּה בַּייט אִיבֶּער דִי טֶבַע.

זֶע גוּט צוּ עֶסְן אוּן גוּט צוּ שְׁלָאפְן; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ סְתַּם לִיגְן אִין בֶּעט זִיךְ אָפְּרוּעֶן.

אוֹיךְ זָאלְסְט הֶערְן אַסַאךְ לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק.

...

## צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ חַיּוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ חַיּוּת אוּן אַ בְּרֶען; דוּ לֶערְנְסְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה, דוּ דַאוֶוענְסְט מִיט חַיּוּת אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִדּוֹת.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע, עֶרְלִיכֶע, גֶעזוּנְטֶע, קְלוּגֶע מֵיידְל אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן דִיר.

...

### אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט, קוּם אַרוֹיף הֶערְן אַבִּיסְל חִזּוּק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ אַרוֹיף קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט אִין יְשִׁיבָה שֶׁעפְּן אַבִּיסְל לֶעבְּן, אַבִּיסְל שְׁטַארְקֵייט צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְ׳ן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״זֶע דִי בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען נִישְׁט זִיצְן אַגַאנְצְן טָאג אִין יְשִׁיבָה זָאלְן גֵיין אַרְבֶּעטְן, אָבֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן וַוייטֶער שַׁיְיכוּת מִיט דִי יְשִׁיבָה״.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קוּם אַרוֹיף אַמָאל הֶערְן אַבִּיסְל פֶּערְל וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן; חִיזּוּק אוֹיף לֶערְנֶען, חִיזּוּק אוֹיף דַאוֶונֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט נָאךְ דִיר.

...

### ס׳זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי דִירָה קַיין אִינְטֶערְנֶעט אוּן מָאוִוי״ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן מְסַדֵּר זַיין פַאר דִי בָּחוּרִים אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן.

אָבֶער אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִין דַיין דִירָה זָאל נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין מִיט אִינְטֶערְנֶעט אוּן קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף מָאוִוי״ס רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיבּ וֶועט נִישְׁט זַיין אִין דִירָה בָּחוּרִים מִיט מָאוִוי״ס, קְלִיפְּ״ס וְכַדוֹמֶה, וֶועט עֶס זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה; אַלֶע וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן, אַלֶע וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער, ווִידֶער אוֹיבּ וֶועט זַיין אִין דַיין דִירָה עֲבֵירוֹת וֶועט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אַוֶועקְגֵיין. דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְבָרִים כג, טו): ״וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

אַ דִירָה קֶען זַיין זֵייעֶר מְסוּכָּנְ׳דִיג אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַחְרָיוּת.

דוּ בִּיסְט אַחְרָאִי אוֹיף אַלֶע בָּחוּרִים וָואס שְׁלָאפְן מִיט דִיר.

...

## אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שׁוּל דַארְף זַיין רֵיין אוּן צִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר פְרֵייעֶ מִינוּט זָאלְסְטוּ זִיכֶער מַאכְן צוּ רֵייניגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ. קוּק זִיךְ אוּם אַז דִי סְפָרִים זָאלְן זַיין מְסוּדָר, זֶע עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְלִיגְן; טוּישׁ דִי קֶלֶעבֶּערְס אֵיין מָאל אַ וָואךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רוּימֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל, וַוייל אַ שׁוּל עַל שֵׁם רַבֵּינוּ דַארְף זַיין רֵיין אוּן צִיכְטִיג; בִּפְרַט אַ שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל טָאר נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן נָאכְגֶעלָאזְט אוּן שְׁמוּצִיג.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אַלֶע מִתְפַּלְלִים יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל צוּלֵייגְן אַ הַאנְט; אַזוֹי וִוי מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען זָאל יֶעדֶער אַוֶועקְלֵייגְן אַפָּאר סְפָרִים אוּן מְסַדֵר זַיין אַ טִישׁ מִיט בֶּענְקְלֶעךְ וְכוּ׳, וְכוּ׳; אוּן נָאךְ אַ קִידוּשׁ, נָאךְ שַׁלָשׁ סְעוּדוֹת, נָאךְ אַ שִׂמְחָה וְכַדוֹמֶה זָאל מֶען גְלַייךְ מְסַדֵר זַיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען מֶער וִוי אַפָּאר מִינוּט נָאךְ יֶעדֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר וָואס דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט פַאר שַׁבָּת; דִי טִישְׁטוּכֶער, דִי טִישְׁן אוּן בֶּענְקְלֶעךְ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר.

אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט פּוֹעֶלְ׳ן וְכוּ׳, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט עֶס נֶעמֶען פַאר דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאף אַז נָאךְ וֶועלְן לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

...

## לָאז שׁוֹין אָפּ דַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרעֶר חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ זֶען דַיין מַצָּב ווִי אַזוֹי דוּ וַואלְגֶערְסְט זִיךְ וְכוּ׳, דוּ הָאסְט פַארְקוֹיפְט דַיין לֶעבְּן פַאר וְכוּ׳; דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, דַיינֶע קִינְדֶער לַיידְן.

אַמָאל הָאסְטוּ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע טֶעג, הָאסְט גֶעדַאוֶונְט, הָאסְט גֶעלֵייגְט טַלִּית וּתְפִילִּין יֶעדְן טָאג; הָאסְט גֶעלֶערְנְט, הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט, הָאסְט פַארְדִינְט, הָאסְט פַארְבְּרֶענְגְט, הָאסְט גֶעהַאט פַארְגֶעניוּגְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן וֶועגְן דֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפְּן הָאסְטוּ אַלֶעס אַלֶעס פַארְלוֹירְן; דוּ וַואלְגֶערְסְט זִיךְ אִין דִי גַאסְן ווִי אַ הֵיימְלָאזֶער פַארְשׁוֹין.

אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ, לָאז שׁוֹין אָפּ; בִּיסְט שׁוֹין גֶענוּג נָאכְגֶעלָאפְן דִי בְּהֵמוֹת, דַיינֶע עֲווֹנוֹת; קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּם אַהֵיים צוּ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער.

...

## הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג מִיט דִי קִינְדֶער; אַ שְׁטַארְקֶע חִינוּךְ אִיז גוּט, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ שְׁטְרֶענְג, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ סֵדֶר - אָרְדֶענוּנְג. שְׁלֶעכְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין; שְׁלֶעכְט אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג אוּן שְׁטְרֶענְג אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ, בַּאק אַרַיין אִין דִי יוּגֶענְט דֶרֶךְ אֶרֶץ; רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אַ קִינְד דַארְף ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ מַאמֶע "נֵיין", מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר

אַ מַאמֶע "אִיךְ וִויל נִישְׁט", אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּאר אַ טִיטְשֶׁער קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן "אִיךְ וִויל נִישְׁט", "אִיךְ וִויל אַנְדֶערְשׁ". אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס.

זָאג פַּאר דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס אַז זֵיי הָאבְּן צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער וֶועט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע יָאר, אָדֶער אַ שְׁטְרֶענְגֶע יָאר; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין זֵיי, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועלְן דִי טִיטְשֶׁערְס זַיין זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט זַיין פֵייעֶר.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ וִויל הֶערְן אַז תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, דִי פַארְקֶערְטֶע שֶׁעפְּט מִיר אוֹיס מַיין גַאנְצֶע כֹּחַ.

...

## אִיר זָאלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז אִיר נֶעמְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע חַבֶר׳טֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת; אַייעֶר לֶעבְּן אִיז לֶעבֶּעדִיג, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט פוּן וֶוען אִיר זֶענְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

בְּנוֹגֵעַ דִי חַבְרְ׳טֶע וְכוּ׳; לָאזְט אִיר אָפּ, דִי אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע. עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי אַייךְ, עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּ אֵיינֶעם אוּן לָאזְט יֶענֶעם נִישְׁט לֶעבְּן.

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אִיר זָאלְט אִיר אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז אִיר נֶעמְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע חַבֶרְ׳טֶעס, נָאר מִיט אֵיינֶעם וֶועט אִיר אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַזַא צֶעטְל, מִיט אַייעֶר חָתָן; וֶוען אִיר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט אִיר זִיךְ פַּארְפְלִיכְטְן צוּ אֵיינֶעם. אַז זִי וֵויינְט צוּ אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אִיר מְצַעֵר וֶוען אִיר גֵייט שְׁמוּעֶסְן מִיט אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ - אִיז זִי אַ קְרַאנְקֶע.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נוּצְן אַייעֶר רַחְמָנוּת רִיכְטִיג, וֶוערְט נִישְׁט

אִיבֶּערְגֶענוּמֶען וֶוען זִי וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט אַז זִי אִיז אַייךְ נִישְׁט מוֹחֵל, זָאגְט אִיר: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין מְחִילָה"; זִי דַארְף אַייךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוּן לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא, נָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

...

## דָאס הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, מַאכְט נִישְׁט קְרַאנְק דֶעם טַאטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער מְנִיעוֹת, אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, נִישְׁטָא וָואס צוּ מַאכְן; אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס גֵייט דָאס אַרִיבֶּער, אַלֶע גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וְכוּ'; עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. וֶוען דִי הִתְנַגְּדוּת הָאט אַ הֶסְבֵּר, עֶס הָאט אַ טַעַם - וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט רֶעדְן, פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן אוּן אוֹיפְוַויזְן אַז מֶען וֶוערְט נָאר בֶּעסֶער; וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דִי דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן - וֶוערְט מֶען אַ בֶּעסֶערֶע אִיד; לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַ בְּלִינְדֶע הִתְנַגְּדוּת, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, נָאר פָּשׁוּט אַ מִלְחָמָה פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אָפְּצוּהַאלְטְן בְּנֵי הַנְּעוּרִים זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; מִמֵּילָא אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, נָאר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אוּן זִיךְ וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּלְד גֶעפִּיל וֶוען אַייעֶרֶע בְּרִידֶער זָאגְן אַייךְ: "מַאכְסְט קְרַאנְק טַאטֶע"; אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אַייעֶר טַאטֶע וֶוערְט נִישְׁט קְרַאנְק פוּן אַייךְ, עֶר וֶוערְט קְרַאנְק פוּן זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְצֶער. מִן הַסְּתָם שְׁמֶעקְט אִים נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער עֶר וֶוערְט נִישְׁט קְרַאנְק פוּן דֶעם, עֶר וֵוייסְט גָאר גוּט וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים אוּן וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ אִים מִיט חוּצְפָּה, פוּן אַייךְ הָאט עֶר נָאר נַחַת.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): תְּהִלִּים אִיז ווִי אַ מִשְׁעֶנֶת, אַ וָואקֶע"ר; עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן מִיט אַ שְׁטֶעקְן אָדֶער וָואקֶע"ר,

זַיי לִיגְן אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז זַייעֶר אוּנְטֶערְלֶעגֶער - אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיז תְּהִלִּים, וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים הָאט אוֹיף וָואס זִיךְ אָנְצוּלֶעגֶען, עֶר לִיגְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר אַז וֵוייסְט אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דִי אַרְבֶּעט וִויל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, גֵייט אַוֶועק פוּן דָארְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס זַיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ בְּרִיק, וַיְהִי הַיּוֹם דֶער בְּרִיק הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן; וֶוער עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם בְּרִיק אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין וַואסֶער אוּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי הֶענְט אוּן פִּיס, הָאבְּן זַיי מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זַיי גֵייעֶן בּוֹיעֶן אַ שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן דֶעם בְּרִיק, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע וָואס צֶעבְּרֶעכְן זִיךְ דִי בֵּיינֶער זִיךְ קֶענֶען הַיילְן. אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָכָם אוּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ פַארֶעכְט דִי בְּרִיק וֶועט אִיר נִישְׁט דַארְפְן קַיין שְׁפִּיטָאל".

אַז אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט וְכוּ' דַארְפְט אִיר נִישְׁט זוּכְן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי דִי אַרְבֶּעט זָאל קְלַאפְּן, אִיר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט; אַז עֶס אִיז אַייךְ נִישְׁט גְרִינְג דָארְט - זוּכְט אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט, אַז זַיי וִוילְן אַייךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן אַ וֶועג - דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט גֵיין לֶערְנֶען דְרֵייוִון, אַייעֶר מַאמֶע דְרֵייוְוט נִישְׁט - זָאלְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט דְרֵייוִון, עֶנְדֶערְשׁ זוּכְט אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, זַייט שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, פַארְלַאנְגְט פוּן זַיי אַ וֶועג וְכוּ', אוּן אַז זַיי וִוילְן נִישְׁט זָאלְט אִיר טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְן נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְן חוֹזֶק מַאכְן אִין פָּארְנְט פוּן אַייךְ פוּן אַייעֶר חֲסִידוּת, פוּן דִי פְּלַאץ וואוּ אִיר זֶענְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן; דִי פְּרוּיעֶן וָואס טְשֶׁעפֶּען אַייךְ מִיט דִי פְּלַאץ פוּן וואוּ אִיר קוּמְט זֶענֶען נִישְׁט קַיין תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת, אַ חָשׁוּבְ׳עֶ קְהִילָה; הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הָאט גֶענוּג אוּן נָאךְ וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אָפְּצוּשְׁפֶּעטְן פוּן אַנְדֶערֶע.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז נִישְׁט יֶעדֶע גַאסְט וָואס אִיז נֶעכְטְן אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אַסַאךְ מָאל וֶוערְט מֶען צֶעבְּרָאכְן, מֶען וֶוערְט אַנְטוֹישְׁט וֶוען מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פִירְן זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: ׳הֲזֹאת נָעֳמִי? דָאס אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? פַארְוָועם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעדַארְפְט קְרִיגְן מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קוּמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב?!׳

כְּדֵי נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִי חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אִיז זַייעֶר וִויכְטִיג אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין זִיךְ וָואס הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז, וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז; הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דִי שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וֶוער עֶס נֶעמְט דִי שֵׂכֶל אוּן חִיזּוּק דֶער הָאט אַ חַיִּים טוֹבִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חַבֶרְ׳טֶעס, מֶען דַארְף הָאבְּן חַבֶרְ׳טֶעס אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט פוּן פָארְאוֹיס דִי הַקְדָּמָה - וֶוערְט מֶען נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען הֶערְט וִוי דֶער רֶעדְט אַזוֹי אוּן דֶער פִירְט זִיךְ אַזוֹי וְכוּ׳ וְכוּ׳.

מַאכְט אַייךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָארְט וֶועט אִיר טְרֶעפְן גוּטֶע חִיזּוּק פַאר אַייךְ, דָארְט וֶועט אִיר גֶעפוּנֶען עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר דִי אַלֶע וָואס מַאכְן אַוֶועק דִי חֲסִידוּת וואוּ אִיר זֶענְט

אוֹיפְגֶעוַואקְסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...